262

# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

...ועוד כי רצה להודיענו מקום קבורת האבות באשר אנחנו חייבים לכבד מקום קבורת אבותינו הק'. (רמב"ן חיי שרה)

זכות הדפסת הגליון

לע"נ

מרת מרים לאה צפורה ב"ר שמואל ע"ה


## ברכת מזל טוב ורב נחת

ברגשי אהבה משגרים אנו בזה ברכת מזל טוב לידידינו הנאמנים
עם ב"ב ומשפ' שיחי' לרגל שמחת צאצאיהם בשטו"מ ה"ה

למע"כ ידידינו העוסק בלו"נ למען הצלת
קברי אבותינו הגה"צ המפורסם כש"ת
אבדק"ק **בית יוסף צבי דושינסקיא** שליט"א
על ישראל הדרתו בעיר וויליאמסבורג
יו"ר להצלת הביה"ח בערי נימיזשע, ריסקאווע, וויטקע
לרגל נשואי נכדתו

ידידינו הנאמן הרבני החסיד
מו"ה ר' **יושע פיש** שליט"א
יו"ר להצלת הביה"ח קאלוב, חוסט,
טעטש, פשעמישל נאד-אידא ועוד
לרגל נשואי נכדתו

ויזכו כלם ביחד עם המשפחה והמחותנים שיחי' לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח


## ביה"ח בעיר ק. פעלידהאזא, אונגארן

### גרויס התעררות ביי די בני משפחה צו ערמעגליכן די זאפארטיגע בנין הגדר בעז"ה

**מודעה נחוצה מטעם הוועד**

היות עס פעלט נאך אן באדייטענדע סכום כדי אונטערצונעמען די עבוה"ק, אפעלירן מיר צו די חשוב'ע בני המשפחה: ביטע זייט אייך משתתף בנדיבת לב, כדי דער ביה"ח זאל קענען ווערן איבערגעבויט וואו אמשנעלסטן.

**זעלטענע געלעגנהייט צו קויפן דעם זכות גומרה של מצוה!**

ביטע פארבינדט זיך מיט'ן יו"ר הועד

**הרב משה אפרים וועבער: 347-731-8481**



Kiskunfélegyháza, Hungary

## געלונגענע אסיפה לטובת

## ביה"ח בעיר קאוואטשהאזע, אונגארן

### מנו"כ של ראשי בתי אבות: רובינשטיין - גלויבער - ברילל

ביה"ח אין זייער א פארלאזטע מצב


Mezokovecshaza, Hungary
February 2009

גרויס התעוררות נעמט ארום די בני משפחה צו פארעכטן און רייניגן דעם ביה"ח, מקום מנוחת ראשי משפחתם ז"ל

בעי די אסיפה איז געהערט געווארן א דעטאלירטע אפשאצונג איבער די דרינגנדע וויכטיקייט פון ארום צוימען דעם ביה"ח מיט א שטארקן גדר, אין איבער די געוואלדיגע גרויסקייט פון אט די מצוה, ווי עס ווערט געברענגט אין הת"ס אז אויפבויען א גדר איז נאכמער וויכטיג ווי תכריכים למת ל"ע.

**בקשה גדולה מטעם הוועד:**

ביטע שליסט אייך אן אין די הייליגע פראיעקט צו קענען בקרוב אנהייבן די עבוה"ק, וזכות הקדושים יגן בעדינו להוושע בחיי נחת וכט"ס

## מודעה חשובה מטעם משמרת ביה"ח

### נאך פיר בתי חיים שליסן זיך אן אין משמרת ביה"ח

### וועלן זיין צווישן די 135 בתי חיים אונטער מעינטענענ"ס



Rostoka, Ukraine
October 2014



Pilipec, Ukraine
November 2014



Studenyi, Ukraine
November 2014



Studenyi, Ukraine
November 2014

**משמרת ביה"ח בראשות:**

**הרה"ח ר' מרדכי שלמה גאלדבערגער שליט"א**

**הרה"ג ר' גבריאל גאלדבערגער שליט"א**

**בהשתדלות: הרה"ח ר' גבריאל ברמ"ש גאלדבערגער הי"ו**